THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
NOV 22 1930
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

אונזערע
טעלעפאן נומערן
זענען
6830
6831
טריניטי

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

אונזער
אפיס
איז אין
542
דאנדעס וועסט

VOLUME XVII No 7439 — Tuesday, November 18th, 1930 — יום ג׳, כ״ז חשון, פרשה תולדות, תרצ״א. — טאראנטא, דינסטאג, דער 18־טער נאוועמבער, 1930. — PRICE THREE CENTS

ענגלאנד וועט גאראנטירען הלואה פון 12 און א האלב מיליאן דאלאר פאר א״י

באקאנטמאכונג קומט אלס סורפריז פאר אלעמען אין פארלאמענט. — דר. דרומאנד שיעלס נעהמט זיך אן אראבישע קריוודע. — מעקדאנאלד טענה׳ט, אז די רעגירונג וועט דורכפיהרען מאנדאט ווי פארפליכטעט. — לאיד דזשארדזש אטאקירט ביטער די רעגירונג.

לאנדאן, נאוו. 17.

א גרויסער, נייער אנטוויקלונגס־פלאן פאר פאלעסטינע, איינשליסענדיג די אויסגאבע פון 12 און א האלב מיליאן דאלאר, איז היינט באקאנטגעמאכט געווארען אין דעם בריטישען פארלאמענט פון דר. דרומאנד שיעלס, אונטער קאלאניאלען סעקרעטאר, פונקט אין מיטען דער היציגסטער דעבאטע וואס דער פארלאמענט האט ווען געזעהן, וועגען דער פאלעסטינע־פראגע.

דער דאזיגער פלאן וועט געשטיצט ווערען פון דער בריטישער רעגירונג, און ווערט ארויסגעהאלפען מיט א הלואה. דאס געלט וועט באנוצט ווערען צו באזעצען אידישע און אראבישע איינוואוינער אויף לאנד, אין ערך צעהן טויזענט פאמיליעס יעדעס יאר.

די באקאנטמאכונג איז געקומען אונערווארטעט, פונקט אין מיטען דער דעבאטע אין וועלכער דאס „ווייסע פאפיער" איז ביטער אטאקירט געווארען אלס אן אונגערעכטער אקט צו די אידען.

ענטפערענדיג אויף דער ביטערער קריטיק פון דייוויד לאיד דזשארדזש, האט דר. שיעלס דערקלערט, אז די רעגירונג האט אונאויפהערליך ווידערהאלט איהר פולסטען באשלוס צו דורכפיהרען דעם מאנדאט. „די רעגירונג באטראכט ביידע זייטען פונ׳ם מאנדאט פון דער זעלבער וויכטיגקייט", האט ער געזאגט. שיעלס האט אויך דערקלערט, אז דער פארלאמענט האט זיך שוין אנגעהערט גענוג מיט די טענות פון דעם אידישען צד, אבער עס איז כמעט ווי גארניט געהערט געווארען פון דעם אראבישען צד.

דעם האי־קאמישיאנער, אבער, האט שיעלס געזאגט, קומט אויס צו באגעגנען דעם פאקט, אז פיער־פינפטעל פון די פאלעסטינער איינוואוינער זענען אראבער וועלכע זענען אויפגערייצט, הויפטזעכליך זינט דער דאזיגער אגיטאציע וועגען זייער צוקונפט. „פאלעסטינע ווערט באטראכט אלס א הייליג לאנד פאר אידען", האט שיעלס ווייטער געזאגט, „אבער עס איז פונקט אזוי אויך הייליג פאר אראבער און מוסולמאנער איבער דער גאנצער וועלט. די קליגסטע און פעהיגסטע ציוניסטישע פיהרער באגרייפען, אז אהן א פרידליכער באפעלקערונג קאן דער פולער דערפאלג פון א נאציאנאלער אידישער היים אין ארץ־ישראל ניט פארזיכערט ווערען. מיר מוזען באהאנדלען גלייך די אידען און אראבער", האט ער פארענדיגט.

שיעלס איז געצוואונגען געווען צו קומען אין פארלאמענט טראץ דעם וואס ער איז שטארק קראנק.

נעמענדיג א ווארט אין דער דעבאטע האט פרעמיער מעקדאנאלד געזאגט, אז וואס עס אנבאלאנגט דעם מאנדאט האט ער שוין פיעלע מאל געזאגט, אז דער מאנדאט וועט פולשטענדיג דורכגעפיהרט ווערען. ער האט אויך דערקלערט, אז עקאנאמישע צרות וועלען זיכער פיהרען צו רעליגיעזען אויפברויז.

דייוויד לאיד דזשארדזש האט אין זיין אטאקע אויף דער ארבייטער רעגירונג, איהר באשולדיגט אז זי האט אונדירעקט איגנארירט די פאליסים פון דער ציוניסטישער אדמיניסטראציע וואס זענען אנגעפיהרט געווארען אונטער דער באלפור דעקלאראציע.

די פאלעסטינע דעבאטע איז דערווארטעט געווארען מיט׳ן גרעסטען אינטערעס. באטש מען האט געוואוסט אז די אפאזיציע וועט ניט זוכען צו שטירצען די רעגירונג אויף דער דאזיגער „אישו", פונדעסטוועגען האט די פאלעסטינע־דעבאטע ארויסגערופען א גרעסערען אינטערעס אין היגע פאליטישע קרייזען ווי וועלכע עס איז אנדער דעבאטע פון יאר.

די סאוויעטישע פרעסע אטאקירט שטארק פואנקארען און ענגלישע אינדוסטריאליסטען

מאסקווע, נאוו. 17.

די סאוויעטישע פרעסע קאמענטירט היינט וועגען די קאטעגארישע אפלייקענונגען וואס זענען געמאכט געווארען פון רעימאנד פואנקארע, געוועזענער פרעמיער און פרעזידענט פון פראנקרייך; סער הענרי דיטערינג, הויפט פון די בריטישע אינטערעסען און לעסלי ארקווארדט, וועלכער פארנעהמט אן עהנליכע פאזיציע אין די מינען קרייזען, אז זיי האבען געהאט וועלכע עס איז שייכות מיט דער געפלאנטער איבערקעהרעניש אויף דער איצטיגער רוסישער מאכט.

טראץ דעם וואס די צייטונגען האלטען זיך אפ צו מאכען די זעלבע באשולדיגונגען ווי קרילענקא, אז די דערמאנטע זענען ווירקליך פארמישט אין דער פארשווערונג, ווייזט אבער אן די „פראוודא", „אז פואנקארע׳ס אפלייקענונג איז אן אידיאטישע מאכינאציע, בעת מען כאפט עמיצען׳ס האנט אין יענעמ׳ס קעשענע". די צייטונג דערמאנט פואנקארע׳ן זיינע אלטע זינד, און דערציילט אז אין פארלויף פון זיין „רעזשים" האט פראנקרייך געשלאסען מיליטערישע אפמאכען מיט פוילען און רומעניען, גאראנטירענדיג זיי און אנדערע לענדער, געלט, אמוניציע און גענעראלען אין פאל פון א מלחמה מיט סאוויעטען־רוסלאנד.

עהנליכע באשולדיגונגען ווערען אויך געמאכט געגען סער הענרי דיטערינג און מר. ארקווארדט.

דער פראצעס פון די אכט ארעסטירטע רוסישע פראפעסארען און אינזשענירען ווערט אין גיכען דערווארט.

טשארלז לעווין ארעסטירט אויף שווינדעל־קלאגע

וויען, נאוו. 17.

טשארלז א. לעווין, דער אינטערנאציאנאל־באריהמטער אידישער אוויאציע־אנהענגער, איז דא היינט ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע אז ער האט אנגעפיהרט א גרויסע שווינדלערישע ביזנעס מיט וויען אלס הויפט־קווארטיר.

לעווין האט לעצטענס פארבראכט אין ענגלאנד.

סיטי־קאנסיל האט נעכטען אויפגענומען טעקסי־קעב פראגע

דער האלבער־סקאנדאל וועלכער האט זיך אנטוויקעלט ביי אונז אין שטאדט ארום דער פראגע וועגען צווינגען די היגע טעקסי־קעבס צו איינפיהרען „מיטערס", און אויך צו „פינגער פרינטען" די טעקסי דרייווערס, האט נעכטען אנגענומען א נייע פארמע, ווען דער סיטי־סאליסיטאר קאלקוהון האט אינפארמירט דעם סיטי־קאנסיל, אז די באארד אף פאליס קאמישאנערס האט ניט קיין רעכט צו ארויסצווינגען, אז „מיטערס" זאלען באנוצט ווערען אויף טעקסי־קעבס.

די דאזיגע באקאנטמאכונג איז א גאנץ וויכטיגע, ווייל עס מאכט א סוף צו דער גאנצער פראגע וועגען איינפיהרען אדער ניט איינפיהרען „מיטערס" אויף טעקסי־קעבס. וואס אנבאלאנגט וועגען דער פראגע צו „פינגער פרינטען" די טעקסי־דרייווערס, האט מר. קאלקוהון געזאגט, אז אויב די טעקסי־דרייווערס אליין זענען צופרידען צו לאזען זיך פינגער־פרינטען, זעהט ער ניט איין פארוואס דאס זאל ניט טארען געטאן ווערען.

דער פלאן וועגען פינגער־פרינטען די טעקסי־דרייווערס איז ארויסגעבראכט געווארען פון דער באארד אף פאליס־קאמישאנערס, מיט׳ן צוועק כדי די פאליציי זאל האבען די מעגליכקייט לייכט צו דערקענען א טעקסי־דרייווער, אויב ער איז פארמישט געווארען אין א פארברעכען. באזונדערס איז אזעלכעס נויטיג, האט די פאליס באארד אנגעוויזען, היינטיגען ווינטער, ווען א סך טעקסי־דרייווערס זענען שוין געפונען געווארען פארמישט אין האלד־אפ׳ס, רויבערייען און אנדערע פארברעכענס.

די טאראנטאר טעקסי דרייווערס אלס א גאנצע קערפערשאפט, איז אבער געגען סיי דער נייער סיסטעם פון „מיטערס", און סיי פון די „פינגער פרינטס", ווארים דאס לעצטע, זאגען זיי, ווארפט א שאטענדיג ליכט אויף זייער כאראקטער.

ליבעראלע פארטיי אין טערקיי אויפגעלעזט

איסטאמבול, נאוו. 17.

די ליבעראלע פארטיי וועלכע איז דא געגרינדעט געווארען ניט דריי מאנאטען צוריק איז היינט אויפגעלייזט געווארען, און עס איז ניט באקאנט אויב א נייע אפאזיציאנעלע פארטיי וועט געגרינדעט ווערען, אדער טערקיי וועט מיעהר ניט האבען קיין צוויי־פארטיי סיסטעם.

די פלוצלונגע אויפלייזונג פון דער ליבעראלער פארטיי איז געקומען אלס א סורפריז פאר אלעמען. לויט ווי עס ווערט פארשטאנען, איז די אויפלייזונג פון דער פארטיי א רעזולטאט פון דער רעגירונג׳ס אטאקע אויף די פיהרער פון דער פארטיי וואס זיי נעהמען אריין אלערליי אנארכיסטען און אנדערע שעדליכע עלעמענטען. דער פיהרער פון דער פארטיי, פעטהי בעי, האט שטארק אטאקירט די רעגירונג ביי א פארטיי־מיטינג און האט געמאכט אן אומצוטרוי־פארשלאג צו דער רעגירונג, וועלכער איז אבער דורכגעפאלען מיט א מעהרהייט פון 214 געגען 14.

2 יאה, וועלען זיי ניט טארען האלטען רעדעס אין האמילטאן

האמילטאן, נאוו. 17.

אין פארבינדונג מיט דער ארבייטסלאזען־דעמאנסטראציע וואס איז דא פארגעקומען לעצטע וואך זענען אכט פערזאן היינט אויפגעטראטען אין פאליס־קאורט אויף קלאגען פון וואגראנסי, און מעדזשיסטרייט בורברידזש האט געשטעלט מרס. עני בולער, וויליאם ריספאוויטש, דזשאהן ענטאל און מר. עלליס אונטער „סאספענדעד סענטענס" אויף צוויי יאהר. אין פארלויף פון וועלכער צייט זיי טארען ניט האלטען קיין רעדעס אין האמילטאן, און זיי דארפען אויך איינליגען $500 צו האלטען זיך רוהיג אין שטאדט.

מרס. בולער טאר אויך ניט אריינקומען קיין האמילטאן אהן דער דערלויבעניש פון דעם דעפיוטי טשיף גודמאן.

מערב־קאנאדער פרעמיערן זוכען הילף פאר דער שווערער ווייץ־לאגע

אטאווא, נאוו. 17.

אויף ווי ווייט די לאגע וועלכע האט זיך געשאפען ארום דעם קאנאדער ווייץ־מארק איז אן ערנסטע קאן איבערצייגען דער פאקט, אז אהער זענען היינט אנגעקומען די פראווינציעלע פריים־מיניסטארען פון די מערב־קאנאדער פראווינצען, מאניטאבא, אלבערטא און סאסקעטשיוואן, מיט׳ן צוועק צו אויפנעהמען מיט דער פעדעראלער רעגירונג די דאזיגע סיטואציע און זעהן וואס עס קאן געטאן ווערען צו פארבעסערען ווי ווייט דעם צושטאנד.

אויף׳ן וויניפעגער סטאק־עקסטשיינדזש איז דער ווייץ־פרייז נעכטען געפאלען אזוי נידעריג ווי 60 סענט, און דאס האט ארויסגערופען א מורא׳דיגע אויפרעגונג. די קאנאדער פארמער קוקען מיט שרעק אויף דאס פאלען פון די ווייץ־פרייזען, און דאריבער זענען די דריי מערב־קאנאדער פרעמיערען געקומען קיין אטאווא, צו ראטעווען אויף וויפיעל עס לאזט זיך נאך.

אויף זייער וועג קיין אטאווא, האבען פרעמיער דזש. ע. בראונלי פון אלבערטא, דר. דזש. מ. אנדערסאן פון סאסקאטשיוואן און פרעמיער דזשאהן ברעקען פון מאניטאבא זיך אפגעשטעלט אין טאראנטא, וואו זיי האבען געהאט א קאנפערענץ מיט די פיהרער פון היגע בענק פירמעס, באטראכטענדיג פלענער ווי אזוי צו שטעלען דעם ווייץ־פרייז אויף די פיס. קיין איינצעלהייטען וועגען דער דאזיגער קאנפערענץ זענען ניט באקאנט.

אינדישע דעלעגאציע וויל פעדעראלע קאנסטיטוציע פאר אינדיע

לאנדאן, נאוו. 17.

בריטיש־אינדיע און די אינדישע „נייטיוו" שטאטען האבען, ווייזט אויס, זיך געאייניגט צווישען זיך, יעדענפאלס אויף איין פונקט, און דאס איז צו פאדערען פון ענגלאנד א פעדעראלע קאנסטיטוציע פאר אינדיע.

די דאזיגע פאדערונג איז ארויסגעשטעלט געווארען ביי דער ערשטער ביזנעס סעסיע פון דער „ראונד־טייבל" קאנפערענץ נעכטען פריה.

50 בענק האבען זיך נעכטען צוגעמאכט אין אמעריקע

ניו יארק, נאוו. 17.

קרוב צו פופציג בענק האבען זיך אין פארלויף פון דעם היינטיגען טאג צוגעמאכט אין פארשיידענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאטען, אלס רעזולטאט פון דער שווערער עקאנאמישער דעפרעסיע וואס הערשט היינט אין לאנד.

פון די דאזיגע צוגעמאכטע פופציג בענק זענען 34 אין דעם שטאט ארקאנזאס, 6 בענק אין קענטאקי, 2 בענק אין אילינאיז, 4 בענק אין מיזורי, און א פאר קלענערע אין אנדערע שטעדט.

מאַריס סעמועל וועט היינט ריידען אין קינג עדווארד

דער באריהמטער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער און לעקטאר מאריס סעמועל, וועט היינט 8.30 אווענט ריידען אין דעם קריסטעל באלרום פון קינג עדווארד האטעל איבער דער טעמע: „ענגלאנד׳ס הייליגער צוזאג צום אידישען פאלק".

מאָריס סעמועל

מר. סעמועל האט זיך ניט לאנג צוריק אומגעקעהרט פון ארץ־ישראל, און ער איז דאריבער גוט באקאנט מיט דעם דאזיגען ענין.

די לעקציע ווערט אפגעהאלטען אונטער׳ן אויפזיכט פון טאראנטא הדסה.

ראקקא פעדרי האט צרות

האמילטאן, נאוו. 17.

זינט זיין אידישע פרוי איז דערמארדעט געווארען געהט עס ראקקא פעדרי׳ן מיט דער פוטער אראפ. אלטע בעלי־חובות האבען זיך איצט געווענדעט אין געריכט מאהנענדיג ביי איהם 43,000 דאלאר וואס ער איז זיי פון פריהער שולדיג, בעת דאס גאנצע פארמעגען וואס זיין ווייב האט איהם איבערגעלאזען באטרעפט בלויז 38,000 דאלאר.

ער ליגט קראנק אין בעט.

קעניג קאראלס קאראנאציע איז ווידער אפגעליינט

וויען, נאוו. 17.

די קאראנאציע פון דעם ניט־געקרוינטען קעניג קאראל פון רומעניע וועלכע איז צוערשט באשטימט געווארען אויף סעפטעמבער, נאכדעם אויף מערץ, איז איצט ווידער אפגעלייגט געווארען אויף אן אומבאשטימטער צייט. אזוי ווי קעניגין העלענא האט ביז איצט זיך אנטזאגט צו איבערבעטען זיך מיט איהם, דאריבער גלויבט מען אז קאראל וועט הייראטען א צווייטע פרוי, אויך א פרינצעסין.

האמילטאן שאפט ארבייט פאר אירע ארבייטסלאזע

האמילטאן, נאוו. 17.

היינטיגע וואך וועלען טויזענט ארבייטסלאזע אין האמילטאן באקומען באשעפטיגונג פון דער שטאדט ביי א צאהל עפענטליכע ארבייטען וואס וועלען אינגיכען אנגעהויבען ווערען.

אייניגע פריוואטע פירמעס גרייטען זיך אויך צו אנהויבען א ברייטען פראגראם פון עפענטליכע ארבייטען, כדי צו פארמילדערען די ארבייטסלאזיגקייט אין שטאדט.

שטאדט האט אויסגעגעבען א סך געלט

לויט ווי דער פינאנץ־קאמישאנער האט נעכטען אינפארמירט דעם סיטי־קאנסיל, האט די שטאדט אויסגעגעבען ביז דעם 31־טען אקטאבער די סומע פון קנאפע 31 מיליאן דאלאר, איבערלאזענדיג א באלאנס פון 7 מיליאן דאלאר.

13 אידישע דעפוטאטען דערוועהלט אין פוילישען סיים

פילסודסקי׳ס פארטיי האט 247 מאנדאטען אינ׳ם נייעם סיים.

ווארשע, נאוו. 17.

פון די כמעט פולשטענדיגע רעזולטאטען פון די נעכטיגע פארלאמענטארישע וואהלען אין פוילען איז צו זעהן, אז די רעגירונג האט באקומען א מעהרהייט אין סיים, כאטש ניט די פולע צוויי־דריטעל מעהרהייט וואס פילסודסקי האט געוואלט כדי צו קענען אמענדירען די קאנסטיטוציע.

פילסודסקי׳ס פארטיי האט באקומען 247 פלעצער, אין פארגלייך מיט 118 ווי זי האט געהאט אין פריהערדיגען סיים. דער נייער סיים וועט אויך האבען 78 נאציאנאל דעמאקראטען, 13 אידען, 62 אוקראינער און ווייס־רוסען, 21 קריסטליכע דעמאקראטען (קארפאנטיסטען), 7 דייטשען און 5 קאמוניסטען.

אין ווארשע האט פילסודסקי פארצייכענט דעם גרעסטען זיעג, פארכאפענדיג א העלפט פון די ווארשעווער 14 „סיטס", בעת די נאציאנאל־דעמאקראטען זענען געווען די צווייטע אין איהר זיעג אין ווארשע, און די אידען די דריטע.

אין דעם וואהל־טאג זענען בלויז אין ווארשע פארוואונדעט געווארען 52 פערזאן. אין לאדז זענען דרייסיג פערזאן פארוואונדעט געווארען און איינער דערהרג׳עט געווארען. פארוואונדעטע זענען אויך באריכטעט געווארען פון קראקוי, פאזען און אנדערע שטעדט.

דאקטאר מאכט א טעות און 50 קינדער שטארבען

מערעלין, קאלומביא, נאוו. 17.

צוליעב א לאבאראטאריע טעות זענען 19 קינדער שוין טויט און נאך 31 געפינען זיך אויף׳ן טויטען־בעט מיט שוואכע האפנונגען צו ארויסדרייען זיך פון די נעגעל פונ׳ם מלאך המות. דער טעות איז געמאכט געווארען ווען א דאקטאר אינ׳ם קאסיים קונאס אינסטיטוט האט איינגענעבען די קינדער דיפטעריע־באצילען אין א טעות, אנשטאט צו געבען זיי אנטי־דיפטעריע וואקסין.

די אלע קאנדערלאך זענען ארימע, און ס׳איז זיי געגעבען געווארען פרייע באהאנדלונג אינ׳ם קליניק. צווישען די קרבנות זענען פאראן דריי אינגלאך פון איין פאמיליע.

פאסאזשיר פארוואונדעט אויף דייטשער זעעשיף דו־עקס

באָרדא, פראנקרייך, נאוו. 17.

די לופט־שיף דו־עקס האט נאך א פליה אין שלעכטען וועטער, געמוזט לאנדען אינ׳ם ביראנדי סטיר, בעת איינער פון די פאסאזשירען איז לייכט פארוואונדעט געווארען.

די מאשין איז ניט באשעדיגט געווארען, הגם מען דענקט אז די געפלאנטע פליה־רייזע קיין ליסאבאן וועט מעגליך אפגעליינט ווערען.

פאשיסטען פארצייכענען א גרויסען זיעג אין מוניציפאלע וואלען אין דייטשלאנד

בערלין, נאוו. 17.

אדאלף היטלער׳ס פאשיסטישע פארטיי האט היינט פארצייכענט איינעם פון איהרע גרעסטע נצחונות אין די מוניציפאלע וואהלען פון לאנד. אין דער פריי־שטאדט דאנציג האבען די פאשיסטען געצויגען 34 טויזענט שטימען אין פארגלייך מיט 2 טויזענט אין 1927. דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען אין אנדערע טיילען פון דייטשלאנד.

די קאמוניסטען האבען אויך געהאט א הונדערט פראצענטיגען זיעג, בעת די סאציאל־דעמאקראטען, טראץ דעם וואס זי איז נאך אלץ די שטארקסטע פארטיי, האט אבער געצויגען בלויז 54 טויזענט שטימען אין פארגלייך מיט 62 טויזענט אין די לעצטע וואהלען.

אין באדען, וואו די פאשיסטען האבען פאקטיש גאר קיין מאנדאטען פריהער ניט געהאט, האבען זיי איצט זיך דערשלאגען צו 28, און אין קעהן, אויך פון גארניט, האבען זיי זיך דערשלאגען צו 21, ווערענדיג אזוי ארום די הויפט־פארטיי אין ביידע שטעדט.

א געוואלדיגען נצחון האבען די פאשיסטען אויך פארצייכענט אין פרייבורג, אין קאנסטאנס און אין אנדערע טיילען.

ארבייטער דעפוטאציע וועט בעטען פארגעבונג פאר מר. בעלאנטיין

אזוי שנעל ווי דער פראווינציעלער פרעמיער פוירגוזאן וועט צוריקקומען פון ענגלאנד, וועט אן ארבייטער־דעפוטאציע זיך ווענדען צו איהם מיט א פארשלאג, אז די רעגירונג זאל פארגעבען דעם געוועזענעם דעפיוטי־מיניסטער אף לייבאר, דזש. ה. בעלאנטיין, און זאל איהם צוריק אנשטעלען פאר זיין פריהערדיגען אמט, צו וועלכען, די דעלעגאציע דענקט, אז ער איז דער פאסיגסטער.

נייער גענעראל סטרייק אין בארצעלאנא, שפאניען, פארקריפעלט דעם האנדעלס־פארקער

בארצעלאנא, שפאניען, נאוו. 17.

אזוי שנעל ווי דער גענעראל־סטרייק אין מאדריד איז געענדיגט געווארען, איז תיכף דערקלערט געווארען א גענעראל־סטרייק אין בארצעלאנא. דער סטרייק איז אנגעהויבען געווארען מיט שיסערייען און אונארדנונגען אין די גאסען. טראמווייען און באסעס זענען באפאלען געווארען און די פאסאזשירען זענען אטאקירט געווארען.

דער פרישער סטרייק איז א רעזולטאט פון א סכסוך צווישען די טראנספארט און בוי־ארבייטער וועלכע זוכען העכערע וויידזשעס. די טראנספארט־ארבייטער סטרייקען שוין אייגענטליך אייניגע טעג, נאר די איבעריגע ארבייטער זענען ארויס אין סימפאטיע־סטרייק. גאסען־געשלעגען זענען פארגעקומען צווישען פאליציי און ארבייטער. דער גענעראל־סטרייק וועט געדויערען 48 שעה, און דערווייל איז די גאנצע שטאדט אין א טויטען־צושטאנד. אלע געשעפטען זענען געשלאסען און ארבייטס־פלעצער זענען צוגעמאכט.

אין מאדריד איז דער גענעראל־סטרייק געענדיגט געווארען היינט פריה, ווען א פארארדנונג איז ארויסגעגעבען געווארען פאר אלע ארבייטער צו אומקעהרען זיך צוריק צו זייערע באשעפטיגונג.

דער מאדריד־סטרייק האט געדויערט דריי טעג, און האט געקאסט עטליכע לעבענס, ווי אויך א באדייטענדע צאהל פארוואונדעטע.